יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' ◆ בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

# טיב הקהילה

דער בלעטל אויף אידיש

פרשת לך לך
יג חשון
תשפ"ז

רט
שנה ה'

## טיב המערכת

## כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ

אין די ווערטער פון דער נביא ווערט דערציילט וועגן חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אז עס איז נגזר געווארן אויף אים מיתה וויבאלד ער האט נישט חתוה געהאט און ער האט נישט עוסק געווען אין פריה ורביה (ווייל ער האט געזען ברוח הקודש אז עס וועט ארויסקומען פון אים מנשה וועלכער וועט אויפשטעלן א צלם בהיכל), און חזקיהו האט שוין געהאלטן ביים שטארבן, איז ישעיה הנביא געקומען צו אים און ער האט אים איבערגעגעבן די נבואה אין נאמען פון הקב"ה, 'צַו לְבֵיתֶךָ כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה', האט חזקיהו המלך געזאגט צו דער נביא, 'בֶּן אָמוֹץ', ענדיג זאגן דיין נביאות און גיי ארויס, ווייל אזוי האב איך מקבל געווען פון דער הויז פון מיין טאטע'ס טאטע, אז אפילו אויב א שארפע שווערד ליגט אויפן האלז פון א מענטש זאל ער זיך נישט צוריקהאלטן פון בעטן רחמים', און גלייך ווען דער נביא איז ארויסגעגאנגען פון זיין הויז, שטייט אין פסוק 'וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל הַקִּיר', און די הייליגע חז"ל ערקלערן אז ער האט מתפלל געווען מִקִּירוֹת לִבּוֹ, פון די טיפענישן פון זיין הארץ, און ער האט געבעטן השי"ת אז ער זאל מבטל זיין די גזירה פון אים, און ער האט זיך אונטערגענומען צו פאררעכטן זיין וועג און צו חתונה האבן. און נאך איידער דער נביא איז ארויסגעגאנגען פונעם שטח פונעם קעניגליכן פאלאץ, האט דער אויבערשטער געזאגט צו אים אז ער זאל צוריקגיין צום קעניג מיט א נייע נבואה, און אזוי האט ער געזאגט צו אים 'שָׁמַעְתִּי אֶת תְּפִלָּתֶךָ רָאִיתִי אֶת דִּמְעָתֶךָ הִנְנִי יוֹסִף עַל יָמֶיךָ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה'.

אין די וואכעדיגע פרשה ווערט דערציילט ווי הגר איז אנטלאפן פון שרה אמנו, און אויפן וועג איז נתגלה געווארן צו איר א מַלְאַךְ ד' און ער האט געזאגט צו איר 'הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי שָׁמַע ד' אֶל עָנְיֵךְ', זאגט דערויף דער תרגום אונקלוס 'אֲרֵי קַבִּיל ד' צְלוֹתֵךְ', זעען מיר פון דעם אז הגר, כאטש זי איז נישט געווען א איד, האט זי מתפלל געווען צו השי"ת און איר תפילה איז נתקבל געווארן און זי איז געענטפערט געווארן.

אט די פסוקים טראגן מיט זיך א געוואלדיגער חיזוק פאר יעדן איד וואו אימער ער געפינט זיך, און אויך אויב מען פילט זיך דערווייטערט, אויך אויב מען פילט זיך אז מען איז נישט ווערד, איז דען מעגליך אז דו ביסט וויניגער חשוב ווי די דינסט הגר – די מאמע פון ישמעאל?! קען דען מעגליך זיין אז איר תפילה זאל געענטפערט ווערן און דיין תפילה זאל חס ושלום נישט געענטפערט ווערן! אוודאי און אוודאי אז נישט! נאר אלעס ווענדט זיך לויט די טיפקייט פון וואו די תפילה קומט, און אויב א איד איז מתפלל פון די טיפע טיפענישן פון זיין הארץ, דעמאלטס וועט זיין תפילה אן קיין ספק געענטפערט ווערן, און אויך אויב דו ביסט זיכער אויף הונדערט פראצענט אז די גזירה איז נגזר געווארן, איז אפילו אויב דער נביא איז זיך מתגלה צו דיר און ער זאגט צו דיר 'צו לביתך', ווייל אזוי האבן מיר בקבלה פונעם הויז פון דוד המלך 'אֲפִילּוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים'.

## טיב הפרשה

## ויהי ריב בין רעי מקנה אברם

### דביקות אין ערליכע אידן די עצה ניצול צו ווערן פון קרומקייט!

אין די וואכענדיגע פרשה דערציילט אונז די תוה"ק איבער די קריגערייי צווישן די פאסטוכער פון אברהם אבינו און לוט, און ווי אזוי אברהם אבינו האט געהייסן פאר זיינע פאסטוכער אז זיי זאלן זיך שיידן איינער פון דעם אנדערן.

די תוה"ק שרייבט אריין אין די שורה די ווערטער 'והכנעני והפריזי אז ישב בארץ' און פון דעם לערנט מען ארויס וואס איז געווען די נקודת הסכסוך צווישן די פאסטוכער פון לוט און די פאסטוכער פון אברהם אבינו.

אינדערצייט וואס די פאסטוכער פון לוט האבן גע'טענה'ט אז הקב"ה האט מבטיח געווען ארץ ישראל פאר אברהם אבינו, און לויט דעם קומט דאך אויס אז ארץ ישראל געהער צו אברהם אבינו, און אזוי ווי אברהם אבינו האט נאך דאן נישט געהאט א יורש - געהער עס צו אים און ממילא מעג ער שיקן זיינע שאף פאשענען איבעראל, האבן די פאסטוכער פון אברהם אבינו צוריקגע'טענה'ט אז עס איז טאקע ריכטיג אז דאס לאנד געהער פאר אברהם אבינו, אבער מאמענטאל [כרגע] איז עס אין אנדערע הענט און די צייט פאר די הבטחה איז נאכנישט אנגעקומען.

די וויכוח איז מרומז אין די ווערטער 'והכנעני והפריזי אז יושב בארץ', און מיט דעם איז ער מרמז די טענה פון די פאסטוכער פון אברהם אבינו אז עס איז נאכנישט געקומען די צייט אז ארץ ישראל זאל אריבערגיין צו די הענט פון אברהם אבינו.

דער סך הכל פון די וויכוח צווישן די פאסטוכער האט גורם געווען אז די פאסטוכער פון לוט זאלן נכשל ווערן אין א הארבע גניבה.

ווען מ'טראכט אריין אין די געשעעניש ווערט שווער ווי אזוי האבן לוט און זיינע פאסטוכער געקענט נכשל ווערן מיט אזא גראבע גניבה, בפרט אז לוט האט זיך געדרייט מיט אברהם אבינו, זייענדיג געבינדן צו אים פון צופרי ביז ביינאכט.

נאר דא קען מען זיך דערלערנען א שטארקער דערהער אין די וועגן און די טאקטיקן וואס דער יצר הרע נוצט ביי א מענטש. אנדערש ווי דער מענטש מיינט, ארבעט דער יצר הרע כיטרע און מיט אסאך קאפ און מח.

דער יצר הרע קומט נישט צוגיין צום מענטש מיט א גראבקייט און רעדט אים איין ער זאל טון אן עבירה. דער יצר הרע ווייסט זייער גוט אז דער מענטש וועט זיך נישט לאזן פון אים, און אריינצוכאפן דעם מענטש אין די נעץ קומט ער בערמה און רעדט אים ערשט איין אז ער זאל באגיין קליינינגקייטן, נאר ווען ער פאלט אדורך אין די קליינינגקייטן קומט ער אן צו די גרעסערע זאכן.

אויך דא האט דער יצר גענוצט זיינע טאקטיקן. מיט לומדות און מיט פשעטלעך איז ער געקומען צוגיין צו לוט און אים פארדרייט א קאפ אנווייזנדיג אז בעצם געהער גאנץ ארץ ישראל צו אים הלכה'דיג, און ממילא מעג ער שוין יעצט נעמען אויפ'ן חשבון, און די פאסטוכער פון לוט זענען נכשל געווארן אין דער געדאנק.

די בחינה אז דער יצר הרע ארבעט טאקטיש און נארט דעם מענטש, דאס איז א כלל גדול אין דער לעבן פון א מענטש. מ'דארף אויך חזר'ן אז א טייל פון די טאקטיקן איז צו מאכן לומדות מיט דער מענטש און אים איינרעדן מיט פשעטלעך אז ער מעג טון וואס ער וויל.

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ד הועדה הרוחנית: הרב יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מַרְגְּלָא בְּפוּמֵיהּ פון הגאון רבי זונדל קרויזער זצ"ל בשם דער חזון איש אז אזוי ווי ווען איינער זוכט אין די תורה 'חומרות' וועט ער עס טרעפן אין די תורה, איז די זעלבע זאך מיט 'קוּלוֹת', אז ווער עס זוכט אין די תורה 'קולא'ס' וועט עס טרעפן אין די תורה הק'.

מיט דעם געדאנק האט דער חזון איש געוואלט ארויסגעבן אז א מענטש דארף געדענקען וואס איז דער ציל פון א מענטש אויף די וועלט און זוכן מקיים צו זיין רצון ה' און מקיים זיין וואס עס שטייט אין די תורה בפשיטות ובתמימות, און נישט צו נוצן די תוה"ק אלץ א מיטל פאר זיינעטוועגן צו טרעפן אין איר וועגן ווי אזוי איבערצוקלוגן די תורה הק', ווייל ווען א מענטש באגייט אן עבירה, ווייסט ער ביי זיך אז ער איז באגאנגען אן אומרעכט, אבער ווען דער מענטש קומט אין נאמען פון די תורה הק' וועט ער נישט אזוי שנעל תשובה טון אויף איר, ווייל ער האט דאך א ראיה מן התורה אז זיינע וועגן זענען גערעכט און אויסגעהאלטן און ער וועט קעמפן מיט איר בשם ה'.

עס איז ידוע די ווארט פון דעם הייליגן קאצקער זי"ע אויפ'ן פסוק [בראשית יג. יג] ואנשי סדום רעים וחטאים לה' מאוד, אז דער מקור הרשע פון די אנשי סדום איז געווען אז זייער שלעכטס האבן זיי געמאכט מיט א קרומקייט פון לה' - אז זיי מיינען כביכול די תורה און השי"ת, און געארבעט מיט דעם, און אונטער דעם שלייער האבן זיי אפגעטון אלע שלעכטס.

מיט דעם דערהער קען מען פארשטיין פארוואס לוט האט זיך באזעצט אין סדום נאך דעם וואס ער האט זיך געשיידט פון אברהם אבינו. זייענדיג געוואוינט צו טון אלעס לשם ה' האט ער ווייטער געוואלט אויספירן זיינע מעשים לשם ה', אבער ער איז געווען פארקרומט ווי מ'זעט ביי זיין טענה מיט די פאסטוכער, און וועגן דעם האט ער זיך געטראפן דאס פלאץ אין סדום - וואו אלעס האט אפערירט כאילו בשם ה'.

ווען מ'זעט וואס עס איז געשען צו לוט און ווי אזוי ער איז אזוי מיאוס דורכגעפאלן און אז אלעס איז געווען בשם ה', וויל זיך פארשטיין ווי אזוי קען א איד זיך אפהיטן נישט ארייצופאלן אין די נעץ פון דעם יצר הרע.

די תשובה דערויף איז וואס די משנה זאגט אין אבות [פרק א משנה טז] עשה לך רב והסתלק מן הספק, אז ווען מ'האט א רבי און מען איז דבוק אין אים ווערט מען ניצול פון שלעכטס. די בחינה זעט מען אויך ביי לוט. אזוי לאנג ווי ער איז געווען דבוק אין אברהם אבינו איז ער געבליבן אפגעהיטן, אבער אין די רגע וואס ער האט זיך אפגעשיידט פון אברהם אבינו איז ער אנגעקומען צו די קרומקייט.

מ'זעט דא אין די פרשה נאך א מורא'דיגע בחינה, מ'זעט די רעקאציע פון אברהם אבינו גלייך נאך דעם וואס ער איז געוואויר געווארן אז לוט איז געווארן פארקרומט, אין די רגע וואס ער האט מגלה געווען אז לוט ארבעט בשם ה', אבער מיט א קרומער וועג האט ער זיך אפגעטיילט מיט אים, ווייל מיט א קרומער קען מען נישט לעבן צוזאמען, ווי דער פסוק איז מעיד אז אברהם אבינו איז געגאנגען אזוי שארף און געזאגט 'הפרד נא מעלי אם השמאל ואימינה וגו'.

טראץ די שארפקייט האט ער נישט געלייקענט די משפחה'שאפט. ווען לוט איז געווען אין א צרה פון אומקומען אין סדום האט אברהם אבינו נישט פארגעסן פון אים נאר געשיקט צו אים הילף, ווייל א קרוב דארף מען מקרב זיין.

מ'דערציילט אויפ'ן בריסקער רב זצוק"ל אז ער האט אמאל געהאט שטארקע חילוקי דיעות מיט א משפחה מיטגליד, אבער ווען ער איז געקומען צו אים האט ער אים מקרב געווען זאגנדיג אז 'משפחה דארף מען מקרב זיין'.

ער האט זיי מקרב געווען און זיך משתתף געווען ביי זייערע שמחה'ס טראץ וואס ביי די שמחה אליין האט ער נישט אריינגענומען א שלינג וואסער אין מויל אריין, אבער ער האט זיך משתתף געווען היטנדיג אויף משפחה.

דער בריסקער רב זצוק"ל האט געזאגט פאר די ארומיגע דער מאמר חז"ל (יבמות סג, א) 'המקרב את קרוביו עליו הכתוב אומר (ישעיהו נח, ט): 'אז תקרא וה' יענה'.

זאל הקב"ה העלפן אז מ'זאל אייביג האבן די ריכטיגע קלארקייט און קענען בלייבן ערליך און אפגעהיטן אייביג.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזך לייענדס

## א שָׂרִיד וּפָלִיט – די ידיעות זענען ניצול געווארן

יענער טאג ווען א העלישער פייער האט אויסגעבראכן אין די בארא פארקער גאסן און חרוב געמאכט עטליכע דירות, האב איך מיטגעווייטאגט די צער פון די משפחות וועמענס פארמעגן איז ארויף אין רויעך.

אין מיין זיסטער חלום איז מיר נישט ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק אז די געשיכטע האט א שייכות מיט מיר. נאר אין די שפעטערע שעה'ן פון טאג האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך האב געהאט א טייל אין די הצלה.

די געשיכטע האט זיך אנגעהויבן עטליכע חדשים פריער. אין יענער בנין האט געוואוינט א ידיד מיינער וואס האט געהאנדלט מיט ספרי תורה, מזוזות און תפילין. פארלאזנדיג די וועלט פלוצלונג האט ער איבערגעלאזט אין זיין שטוב אסאך געשריבענע פּאַרמעטן. זייענדיג אויך אין די וועלט פון סת"ם און זייענדיג נאנט צו די משפחה, האב איך געבעטן די אלמנה אז זי זאל מיר איבערגעבן אלע סחורה און איך וועל זען וואס כ'קען טון דערמיט.

זי האט מיר געוויזן די שאפע וואו ער פלעגט האלטן די געשריבענע סחורה אז איך זאל זיי באקוקן. איך האב אויסגעליידיגט די שאפע פון סחורה און אנגעהויבן מאכן סדר אין איר. אויף עטליכע כתבים איז געלעגן א נאמען מיט'ן אנדייטונג צו וועמען די זאכן געהערן.

אויף די אנדערע איז נישט געשטאנען קיין נאמען, און איך האב פראבירט נאכצוגיין צו וועמען עס באלאנגט.

צווישן די הויפן זאכן איז געלעגן יריעות פון א ספר תורה. די יריעות האבן זיך אנגעהויבן ביי די פרשה פון פרשת צו און זיך געענדיגט ביי די פרשה פון במדבר.

די יריעות זענען געווען געבינדן איינער צו די אנדערע אבער האבן נישט געהאט קיין נאמען אויף איר. נישט וויסנדיג צו וועמען עס געהערט האב איך עס געהאלטן ביי מיר און זיך נאכגעפרעגט ביי באקאנטע צי זיי ווייסן וועמענס עס איז און פאר וועמען מ'דארף עס אפגעבן.

יענע נאכט ווען די פייער האט פאסירט האב איך ערשט געדאנקט הקב"ה אז ער האט געפירט אזוי אז כ'זאל קענען מציל זיין די הייליגע יריעות. אדאנק וואס איך האב עס ארויסגענומען פון דארט האבן זיי איבערגעלעבט די שריפה.

עס איז טאקע ניצול געווארן, אבער איך האב נאך אלץ נישט געוואוסט צו וועמען עס געהער.

יענער טאג נאך די שריפה האט מיר א פרעמדער איד געקלינגען פרעגנדיג צי איך ווייס אפשר וואס טוט זיך מיט די כתבים פון יענעם סוחר. דערביי האט ער מיר דערציילט אז ער גרייט זיך אריינצוגעבן א ספר תורה און עס פעלט אים איין חלק פון די ספר תורה.

דער איד איז געווען זיכער אז אלעס איז ארויף אין רויעך. הערנדיג אז ער זוכט א חלק פון א ספר תורה האב איך אים געפרעגט וועלכער חלק פעלט אים? עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס פעלט אים פון פרשת צו ביז במדבר.

דא איז געווען מיין רייע אים צו דערציילן אז בחסדי שמים האט עס איבערגעלעבט און ער קען קומען צו מיר אין שטוב עס אפצונעמען.

דער איד איז געווען אויסטערליש איבערראשט צו הערן אז אלעס האט איבערגעלעבט און אז די סחורה ליגט גאר ביי מיר אין שטוב.

אין די קומענדיגע שעה'ן איז ער געקומען אפנעמען די סחורה, און געציילטע טעג שפעטער איז פארגעקומען די הכנסת ספר תורה. איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך האב געקענט זיין א חלק פון די הצלה אהערצושטעלן א ספר תורה בשלימות.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.צ.ט.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט
מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין
פקס: 15326517922

## טִיב הַמַּעֲשִׂיּוֹת

# די מדה פון וַתְּרָנוּת פון רָחֵל אִמֵּנוּ עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם

**לרגל די הילולא פון רחל אימנו ע"ה** (יום ה' י"א חשון) **זכותה תגן עלינו, אמן.**

מיר געפינען אין די תורה הקדושה (בראשית כט, כה) אז **רחל אמנו ע"ה** האט מוותר געווען פאר איר שוועסטער לאה, און זי האט איר געלאזט חתונה האבן מיט יעקב אבינו, און זי האט איר איבערגעגעבן דער סוד פון די סימנים וואס יעקב אבינו האט איר מגלה געווען, און אלעס כדי איר נישט צו מבייש זיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם) "וַיְהִי בַבֹּקֶר וְהִנֵּה הִיא לֵאָה", און **רש"י** הקדוש איז מפרש: "אֲבָל בַּלַּיְלָה לֹא הָיְתָה לֵאָה, לְפִי שֶׁמָּסַר יַעֲקֹב סִימָנִים לְרָחֵל, וּכְשֶׁרָאֲתָה רָחֵל שֶׁמַּכְנִיסִין לוֹ לֵאָה אָמְרָה עַכְשָׁו תִּכָּלֵם אֲחוֹתִי, עָמְדָה וּמָסְרָה לָהּ אוֹתָן סִימָנִים" (מגילה יג.).

דורך אט די פעולה, האט רחל אמנו ממש מוותר געווען אויף איר גאנצן לעבן, דאס איז נישט געווען סתם א 'וִתּוּר' אזוי ווי די וִתּוּרִים צו וועלכע מיר זענען צוגעוואוינט, ווייל אין אט דעם ויתור זענען באהאלטן גאר וואונדערליכע סודות, און עס האט געטראגן מיט זיך מסירות נפש ממש, אזוי ווי מיר וועלן ערקלערן. [און כאטש מיר האבן נישט קיין השגה אין די געהויבענע דרגה פון די הייליגע אמהות, איז אבער **תּוֹרָה הִיא וְלִלְמֹד אָנוּ צְרִיכִים**, און מיר דארפן ארויסנעמען 'דרכי חיים' פון די געהויבענע מעשה פון רחל אמנו, און זיך אויסלערנען פון איר וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די מדה פון וַתְּרָנוּת].

**א)** כידוע, איז רחל געווען יונגער ווי לאה, און זי וואלט געדארפט חתונה האבן מיט יעקב וועלכער איז געווען יונגער ווי עשיו, אזוי ווי די מענטשן האבן גזאגט "הַגְּדוֹלָה לַגָּדוֹל וְהַקְּטַנָּה לַקָּטָן", אז די גרויסע טאכטער פון לבן וועט חתונה האבן מיטן גרויסן זון פון יצחק, און די קליינע טאכטער פון לבן וועט חתונה האבן מיטן קליינעם זון פון יצחק, און דורכדעם וואס רחל האט מוותר געווען פאר לאה קומט אויס אז יעצט וועט זי דארפן חתונה האבן חלילה מיט עשיו הרשע.

**ב)** געווענליך ווען א מענטש טוט א טובה פאר זיין חבר און ער איז אים מוותר, טוט ער דאס מיט א פרסום כדי צו באקומען דערפון א טובת הנאה, אבער פאר די נאנטע משפחה מיטגלידער איז שווערער צו מוותר זיין. אבער ביי דער וויתור פון רחל אמנו געפינען מיר דאס פארקערטע, אז זי האט מוותר געווען פאר איר שוועסטער מיט וועמען זי איז געווען דאס מערסטע נאנט, אן קיין שום טובת הנאה, און דאס אלעס האט זי געטון בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת אן קיין שום פרסום.

**ג)** ווי באוואוסט, אז פון די קינדער פון לאה איז געווען **'לוי'** וועלכער האט זוכה געווען צו כתר כהונה, און **'יהודה'** וועלכער האט זוכה געווען צו כתר מלכות, און **'יששכר'** וואס האט זוכה געווען צו כתר תורה, קומט אויס אז אלע דריי קרוינען זענען געווען אין די הענט פון לאה. און אויף די אלע זאכן האט רחל מוותר געווען, און זי האט עס געגעבן בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה פאר איר שוועסטער לאה. און כאטש רחל האט אויך געהאט צוויי קינדער, **יוסף** און **בנימין**, וואס אויך זיי זענען געווען גאר גרויס און חשוב, האבן אירע קינדער נישט זוכה געווען צו אט די דריי קרוינען, ווייל די אִמָּהוֹת זענען געווען נביאות.

**און מיר לערנען זיך ארויס פון די וועגן פון רחל אמנו ע"ה, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט די מדה פון וותרנות, אז יעדער איד זאל זיין א מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, און שטענדיג מוותר זיין בְּכָל לֵב וָנֶפֶשׁ.**

***

**כדי מיר זאלן בעסער פארשטיין אויף ווי ווייט עס איז אנגעקומען די מידת הוותרנות פון גדולי ישראל, ברענגען מיר דא פאר אייך עטליכע מעשיות פון גדולי ישראל, כדי מיר זאלן זיך אויסלערנען דער טִיב תִּקּוּן הַמִּדּוֹת, און זען אויף ווי ווייט פלעגן גדולי ישראל מוותר זיין אויף זיך, און מוסר נפש זיין לְטוֹבָתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל.**

***

פאלגנד איז א מעשה נורא וואס איז פארגעקומען ביי דער שידוך פון מרן **הגה"צ מרא דארעא דישראל הרב יצחק יעקב ווייס זצ"ל, גאב"ד דירושלים קרתא דשופריא, בעל "מנחת יצחק".**

אין יענע צייטן, איידער עס זענען געווען טעלעפאנען און האנט-טעלעפאנען וכדומה אזוי ווי אין אונזערע צייטן, איז ווען עס האט זיך גערעדט א שידוך מיט איינעם פון אייראפע, איז נישט געווען אזויפיל מעגליכקייט צו קענען קלארמאכן יעדע הצעה פון דער נאנט. דער שדכן פלעגט קומען פון א ווייטע שטאט, אראפלייגן דעם שידוך וואס האט אים אויסגעזען פאסיג, און נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה פלעגט מען זיך דארפן אביסל פארלאזן אויפן נאמנות פונעם שדכן.

דער שדכן אבער, פון זיין זייט, פלעגט נישט אלעמאל אנטפלעקן די גאנצע אמת... אזוי ווי דער וועלט זאגט אז **"שדכן"** איז ראשי תיבות: **ש**'קר **ד**'ובר **כ**'סף **נ**'וטל"...

ווען הרב ווייס זצ"ל איז אנגעקומען לפרק האיש מקדש, און זיין גוטער נאמען איז געגאנגען פאר אים, איז געקומען א שדכן פון די שטאט **גרויסווארדיין**, צו פֿאָרשלאָגן א שידוך פאר אים, דאס איז געווען די טאכטער פון גאר א חשוב'ער דיין, וועלכער איז געווען פון די גדולי הרבנים אין שטאט. לויט ווי דער שדכן האט עס אראפגעלייגט, האט אויסגעזען אז דאס איז זייער א גוטער און פאסיגער שידוך, ווען זי איז נאכדערצו פון אזא חשוב'ע משפחה פון רבנים און דיינים, און איר טאטע איז איינער פון די חשוב'סטע רבנים פון אזא באוואוסטע שטאט.

נאכדעם וואס די משפחה האבן אביסל מברר געווען איבער די משפחה לויט זייערע מעגליכקייטן, האבן זיי באשלאסן אויסצופירן דעם שידוך בְּכִי טוֹב, און זיי האבן איבערגעגעבן זייער הסכמה צו דער צווייטע צד, און מען האט אפגערעדט איבער א געוויסער טאג וואס דעמאלטס וועט דער חתן קומען מיט זיין משפחה צו דער וואוינאָרט פון די כלה אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט אין יענע צייטן, און דעמאלטס וועט מען אויספירן דער שידוך בשעה טובה ומוצלחת ולמזל טוב.

און אזוי האט זיך דער בחור **יצחק יעקב ווייס** ארויסגעלאזט מיט זיינע עלטערן און זיין משפחה אויפן לאנגן וועג, און נאכן פארן עטליכע טעג מיט מי און פלאג אויף די וועגן, זענען זיי אנגעקומען אין א מזל'דיגע שעה קיין גראסווארדיין, און נאכדעם וואס מען האט זיי מסדר געווען א שיינע אכסניא און זיי האבן זיך אויסגערוט פונעם וועג, האבן זיי געמאכט עטליכע באגעגענישן איידער מען מאכט דעם שידוך פאר א פאקט. דער אבי הכלה וועלכער איז געווען א גדול בתורה האט זיך געטראפן מיטן בחור און ער האט זייער אויסגענומען ביי אים, ווייבאלד ער איז געווען אַן עילוי און א גאון און א וואונדערליכער בעל מידות.

נאכדעם איז געקומען דער צייט אז די מאמע פון דער בחור זאל זיך טרעפן מיט די מדוברת. דא האט זיי אבער אפגעווארט אן אנטוישונג, ווייל ווען די מאמע פון הרב ווייס איז צוריקגעקומען פון די באגעגעניש מיט די מיידל, איז זי געווען זייער צושטורעמט און צארנדיג, ווייבאלד צו איר גרויסע וואונדער האט זי באמערקט אז די מיידל האט א שטיקל 'הויקער' אין איר רוקן! און זי גייט אביסל איינגעבויגן! זי איז געווען זייער ברוגז אויפן שדכן, וועלכער האט פארהוילן פון זיי אזא וויכטיגע ידיעה, און האט נישט גערעדט אפילו א האלבע ווארט דערוועגן. גלייך אויפן ארט האט זי געלאזט וויסן פאר איר משפחה, קלאר און דייטליך, אז מען גייט זיך שוין פאקן פעקלעך און מען לאזט זיך ארויס אויף צוריק, ווייבאלד דער שידוך איז אויס, און עס איז נישטא פון וואס צו רעדן.

אבער ווען דער בחור יצחק יעקב האט געהערט דערפון, האט ער נישט אזוי שנעל מסכים געווען אפצורופן דער שידוך. ער האט גע'טענה'ט אז ער קען נישט אזוי פארשעמען א אידישע מיידל און ארויסברענגען איר שאנד ברבים, ווייבאלד עס איז שוין באוואוסט געווארן איבער די גאנצע שטאט, אז אט־אט גייט זיך ענדיגן דער שידוך במזל טוב, און יעדער איינער ווייסט פארוואס די חשוב'ע ווייס משפחה זענען אהערגעקומען דא אין שטאט.

דער בחור האט ווייטע גע'טענה'ט מיט א קאך, אז אויב וועלן זיי שוין צוריק אהיימפארן, וועט יעדער וויסן פונקטליך פארוואס זיי האבן אפגעלאזט דער שידוך, און עס וועט ארויסקומען דערפון גרויסע בזיונות פאר די מיידל, און ווער ווייסט צי זי וועט קענען טרעפן נאך א שידוך, און זי וועט האבן דערפון אזויפיל צער און ווייטאג.

וויפיל זיין מאמע האט אים פראבירט מסביר זיין, אז פאר אזא גוטער בחור ווי אים וועט אוודאי נישט פעלן קיין מענטשן וואס וועלן אים וועלן האבן פאר זייער טאכטער... ער איז געבליבן פאר'עקש'נט אז דאס נאר א דרויסנדיגע פעלער, און עס לאזט נאר א צייכן אויפן דרויסנדיגן אויסזען, אבער דער עיקר איז די פנימיות'דיגער אינהאלט, און אויב מן השמים האט מען זיי געשיקט צו דעם שידוך, איז עס דאך א צייכן אז מֵה' יָצָא הַדָּבָר!

סוֹפוֹ שֶׁל דָּבָר, נאך לאנגע בעטענישן האט די מאמע צוגעשטימט צו די ווערטער פון איר זון דער צדיק, אז מען דארף נישט נתפעל ווערן פון די חיצוניות'דיגע אויסזען, אזוי ווי די הייליגע חכמינו ז"ל זאגן (אבות ד, כ): "אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בְּמַה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ", און זי האט געפינען חן אין זייערע אויגן, ווייבאלד זי איז געווען זייער א קלוג קינד, פול מיט יִרְאַת הַשֵּׁם טְהוֹרָה וכו', און זיי האבן צוגעשטימט צו די החלטה פון דער בחור אז טראצדעם וואס די מיידל האט א הויקער, וועט ער אויספירן דער שידוך כדי איר נישט צו פארשעמען. - און דער שידוך איז טאקע געווארן א פאקט, בסימן טוב ובמזל טוב, און דער פאר־פאלק האט חתונה געהאט אין א מזל'דיגע שעה, און עס איז זיי געבוירן געווארן א בן יחיד.

עטליכע יאר נאך זייער חתונה האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט־מלחמה, און זיי זענען געראטעוועט געווארן פון די שרעקליכע מלחמה בְּנִסֵּי נִסִּים וואס לֹא יְאֻמַּן כִּי יְסֻפָּר.

פון אלע זיינע איבערלעבענישן דורכאויס די צווייטע וועלט־מלחמה, האט ער צוזאמגעשטעלט א ספעציעלן קונטרס, מיטן נאמען **"פרסומי ניסא"**, און עס איז געדרוקט געווארן ביים סוף פונעם ערשטן טייל פון זיין ספר **שאלות ותשובות מנחת**

**יצחק**, עיין שם. - און איינס פון די זאכן אין וואס ער פלעגט אנהענגען די זכות פון זיין רעטונג, איז געווען אין זכות פון דאס וואס ער האט מוותר געווען און געענדיגט דעם שידוך טראץ די פעלער פון די כלה, כדי נישט צו פארשעמען אן ערליכע בת ישראל, אזוי ווי רחל אמנו בְּשַׁעְתָּהּ וועלכע האט אנטפלעקט די סימנים כדי איר שוועסטער זאל נישט פארשעמט ווערן.

און נישט נאר דאס, נאר נאך אלע מיטמאכענישן וואס זענען אריבער אויפן גרויסן רב, וואס ער האט דריי מאל חתונה געהאט, איז נישט געבליבן פון אים קיין שום זרע של קיימא, נאר פון יענע פרוי, וואס פון איר איז זיי געבוירן געווארן אן איינציג קינד, הלא הוא **הרה"ג מוהר"ר בעריש ווייס זצ"ל**, וועלכער איז געווען פון די חשוב'ע רבנים אין **מאנטשעסטער, ענגלאנד**, און ער פלעגט דאס אנהענגען אינעם זכות פון אט די גרויסע מצוה, וואס ער האט נישט געוואלט פארשעמען א אידישע טאכטער בשום פנים ואופן.

**פון דא לערנען מיר ארויס אויף ווי ווייט מען זאל אכטונג געבן בְּטִיב כְּבוֹדָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל, און אויף ווי ווייט און שטארק איז דער וואונדערליכער שכר פון דער וואס איז מוותר און שטארקט זיך צו נישט פארשעמען א חבר ברבים, אפילו אין אזא פאל וואס זיין יצר הרע רעדט אים איין אז אזא מענטש איז יא כדאי צו פארשעמען. - אזוי ווי עס איז באוואוסט די ווערטער פונעם מדרש, אז פאר דער שכר פון אט די מצוה פון רחל אמנו ע"ה וועט זיין די גאנצע גְּאוּלָּה הָעֲתִידָה, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אינעם מדרש (פתיחתא דאיכה רבתי, כד) אז בשעת די חורבן האבן אלע אבות און אמהות און די שבעה רועים פראבירט בעטן רחמים פאר כלל ישראל אבער עס איז זיי נישט געגאנגען, און נאר רחל אמנו האט מצליח געווען אויפצוטון מיט אט דעם זכות, עיין שם.**

***

**הגאון הרב רבי יוסף שלמה הכהן כהנמן זצ"ל, פאניוויזשער רב**, דער מְקִים עֻלָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, האט אמאל גזעאגט אין א געלעגנהייט, ווען מען האט גערעדט וועגן דער אנהייב פון די בוי־ארבעט פון די **פאניוויזשער ישיבה** אויפן באקאנטן בארג פון די ישיבה אין **בני ברק**. וואס כידוע, ווען מען האט אנגעהויבן מיט די גראבונגען און אוועקשטעלן די פונדאמענטן, זענען פארגעקומען עטליכע 'מפולת'ן' אויפן ארט, און מענטשן האבן געמורמלט אז מעגליך זענען דארט באגראבן עטליכע קדמונים...

האט דער פאניוויזשער רב זיך אויסגעדרוקט צו זיי מיט א סודות'פולן שמייכל און געזאגט: יא, איך ווייס טאקע איבער א גרויסן רב וועלכער ליגט דארט באהאלטן אונטער די יסודות פון דער בנין הישיבה!

ווען מען האט אים געפרעגט, צי ער ווייסט ווער איז יענער רב? האט ער געענטפערט אז אוודאי ווייסט ער ווער עס איז, און ער קען אים גוט! דאס איז דאך דער פאניוויזשער רב זעלבסט!...

דערביי האט ער געגעבן צו פארשטיין זיינע ווערטער, ווייל פון ווען ער האט זיך אריינגעלייגט אינעם עול פון בויען און אויפהאלטן די הייליגע ישיבה, צוזאמען מיט אלע אירע מוסדות, איז ער געווארן שטארק באשעפטיגט מיט זאמלען געלט און פילע שתדלנות'ן, און דורכדעם האט ער נישט געקענט ווערן דער 'גאון הדור', און זיין גרויסקייט איז געבליבן דארט, טיף באגראבן אונטער די יסודות.

כידוע, איז זיין געוואלדיגע גאונות געווען א שם דבר, און ווען נישט זיינע פילע באשעפטיגונגען מיטן אוועקשטעלן די פאניוויזשער ישיבה און אירע מוסדות, וואלט ער גערעכנט געווארן צווישן דער 'מזרח' פון די גדולי ומאורי הדור. - נאר ער האט זיך אינגאנצן איבערגעגעבן, און ער האט מוותר געווען אויף זיין גאנצן גלענצענדן צוקונפט, כדי אויפצושטעלן דער עולם התורה נאכן שרעקליכן חורבן. און ער פלעגט קלעטערן ווייט און ברייט, אין אמעריקע און אין ענגלאנד, אין אייראפע, און אויך איבער די ווייטע מדינות פון אפריקע, כידוע. - אבער טראצדעם האט ער אלעמאל עוסק געווען אין די הייליגע תורה, און ער איז געווען א גאון עצום אין תורה!

***

ענדליך צו דעם געפינען מיר ביים באוואוסטן גאון, **רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל, דער רב פון אנטווערפן יצ"ו**, וועלכער האט זיך ממש איבערגעגעבן פארן טובת הכלל, און ער האט מוותר געווען אויף אלעס ווען מען האט געדארפט ארויסהעלפן א איד, און בעיקר האט זיך דאס ארויסגעוויזן ווען עס האט זיך גערעדט פון אלמנות און יתומים און אנדערע נִשְׁבְּרֵי לֵב, ווי מען האט געזען אז דער רב טוט וואס עס איז נאר מעגליך פאר זייערטוועגן.

איינמאל איז דער רב אנגעקומען צום **הייליגן לאנד** פארן הייליגן יו"ט סוכות, און ער האט זיך אויפגעהאלטן אין **ירושלים** עיר הקודש, וואו ער האט געהאט א דירה וואו ער האט געוואוינט יעדן מאל וואס ער איז אנגעקומען אין ארץ ישראל. אום ערב יו"ט סוכות, מיטאג צייט, ווען די גאנצע משפחה איז געווען שטארק פארנומען מיט די פילע הכנות צום גרויסן יום טוב, וויבאלד זיי האבן נארוואס יעצט געלאנדעט אינעם הייליגן לאנד, און זיי זענען געווען שטארק באשעפטיגט מיטן צוגרייטן די סעודות פונעם יו"ט, ווי אויך מיטן אנגרייטן די סוכה און אנגרייטן די ארבעה מינים וכו'. און אט האט זיך דער טעלעפאן צוקלונגען אין די דירה פונעם רב.

דער רב האט זיך געאיילט אויפצוהייבן דעם טעלעפאן, מעגליך איז דא איינער וואס האט א וויכטיגע שאלה אין הלכה, אזוי ווי דער שטייגער איז אז אין די טעג קענען זיך טרעפן מערערע שאלות ביים עולם. ווען ער האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, האט דער רופער געזאגט אז ער וואוינט אין **תל אביב**, און וויבאלד ער האט געהערט אז דער רב איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל פאר סוכות, האט ער זיך שנעל פארשאפט דעם טעלעפאן נומער פונעם רב, וויבאלד ער האט ביי זיך א גאר שיינעביישטייערונג, פון עטליכע הונדערט אלפים, וואס ער וויל געבן צושטייער פאר די פילע צדקות פונעם רב.

אזוי שמועסנדיג מיט יענעם, האט דער רב פארשטאנען אז דער איד איז א פולשטענדיגער עם הארץ... וועלכער פארשטייט נישט אז די יעצטיגע שעות איידער דער יו"ט קומט אריין איז גאר א פארנומענער צייט, אבער פון די אנדערע זייט האט ער מורא געהאט, אז אויב ער וועט עס אפשטופן און גיין צו אים אין אן אנדערע געלעגנהייט, קען נאך דער מענטש צוריקציען... דעריבער האט ער זיך אנגערופן אז ער איז מוכן ומזומן זיך ארויסצולאזן אין וועג תיכף ומיד, און ער גייט **שוין יעצט** קומען קיין תל אביב!

דער רב איז ארויסגעגאנגען פון זיין צימער, און ער האט זיך גלייך גענומען גרייטן פאר די נסיעה. די בני המשפחה האבן זיך זייער געוואונדערט צו זען ווי דער רב קלינגט צו דער דרייווער און ער גרייט זיך צו די נסיעה. האבן זיי אים געפרעגט: וויאזוי איז מעגליך אזוי אפצולאזן אלע הכנות, און זיך ארויסלאזן קיין תל אביב אזוי אום ערב סוכות מיטאג צייט?

האט זיי דער רב ערקלערט אז דאס איז גאר א וויכטיגע נסיעה, און ער האט איבערגעגעבן קלארע אנווייזונגען איבער דאס צוגרייטן די סוכה און די ארבעה מינים, און ער איז שוין געשטאנען גרייט ארויסצוגיין אין וועג.

ווען די בני המשפחה האבן געזען אז ער האט שוין פעסט באשטימט ארויסצוגיין אין וועג, האבן זיי אים פראבירט איבערצורעדן אז ער זאל פארציכטן אויף די רייזע, טענה'נדיג אז עס קען זיך דאך מאכן אז די וועגן וועלן זיין שטארק פול, און ער וועט דארפן פארבלייבן אויף יו"ט אין תל אביב! [און וויבאלד ער איז געווען א בן חוץ לארץ, וועט ער דארט דארפן בלייבן אויך אויפצומארגנס אינעם 'יום טוב שני של גלויות'].

אבער דאס אלעס האט נישט געמאכט דער רב טוישן זיין מיינונג. "אויב וועט די השגחה עליונה באשטימען אז איך זאל בלייבן אין תל אביב, וועל איך דארט גערן פראווען דעם יו"ט! אבער די געלט וואס מען דארף אזוי וויכטיג האבן פאר די אלמנות און פאר די יתומים, דאס קען מען נישט דערלייגן!

**דער רב דער צדיק האט דעמאלטס מוותר געווען אויף זיין גאנצע פערזענליכע באקוועמליכקייט און הנאה, ער האט פאר א רגע נישט געטראכט וויאזוי ער וועט זיך קענען מסדר זיין אין תל אביב, וויבאלד ער האט געזען פאר זיינע אויגן בלויז די הייליגע מצוה צו קענען צושטעלן פאר אידישע קינדער דאס וואס זיי דארפן!**

עס איז איבעריג צו באצייכענען, אז נאך אזא מסירות נפש, האט דער רב זייער שטארק מצליח געווען, מער ווי געווענליך, און די נסיעה אהין און צוריק איז געגאנגען זייער שנעל און גלאטיג, און ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין דירה אין ירושלים מיט די גרויסע ביישטייערונג אין האנט בעוד היום גדול, און עס איז אים נאך געבליבן עטליכע שעה זיך צו גרייטן צום הייליגן יו"ט!




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!